(1901-1969) איציק מאַנגער

(1951) כ'האָב זיך יאָרן (געוואַלגערט) אין דער פֿרעמד

Anthology of Yiddish Folksongs, Jerusalem 2000.




Kh'hob zikh yorn gevalgert in der fremd,
Itst for ikh zikh valgern in der heym...
Mit eyn por-shikh, eyn hemd oyfn layb,
In der hant dem shtekn – vi ken ikh zayn on dem?

כ'האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פֿרעמד,
איצט פֿאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים...
מיט איין פּאָר־שיך, איין העמד אויפֿן לײַב,
אין דער האַנט דעם שטעקן – ווי קען איך זײַן אָן דעם?

Kh'vel nisht kushn dayn shtoyb,
vi yener groyser poet,
Khotsh mayn harts iz oykh ful
mit gezang un geveyn...
Vos heyst kushn dayn shtoyb?
Ikh bin dayn shtoyb!
Un ver kusht es, ikh bet aykh, zikh aleyn?

כ'וועל נישט קושן דײַן שטויב,
ווי יענער גרויסער פּאָעט,
כאָטש מײַן האַרץ איז אויך פֿול
מיט געזאַנג און געוויין...
וואָס הייסט קושן דײַן שטויב?
איך בין דײַן שטויב!
און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אַליין?

Kh'vel shteyn fargaft far dem Kineres-blo,
In mayne bigdey-dalus ongeton –
A farvoglter prints, vos hot gefunen zayn blo,
Un blo iz zayn kholem fun tomid on...

כ'וועל שטיין פֿאַרגאַפֿט פֿאַר דעם כנרת־בלאָ,
אין מײַנע בגדי־דלות אָנגעטאָן –
אַ פֿאַרוואָגלטער פּרינץ, וואָס האָט געפֿונען זײַן בלאָ,
און בלאָ איז זײַן חלום פֿון תּמיד אָן...

Kh'vel nisht kushn dayn blo, nor stam azoy,
Vi a shtile shmone-esrey vel ikh shteyn –
Vos heyst kushn dayn blo? Ikh bin dayn blo!
Un ver kusht es, ikh bet aykh, zikh aleyn?

כ'וועל נישט קושן דײַן בלאָ, נאָר סתּם אַזוי,
ווי אַ שטילע שמונה־עשׂרה וועל איך שטיין –
וואָס הייסט קושן דײַן בלאָ? איך בין דײַן בלאָ!
און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אַליין?

Kh'vel shteyn fartrakht far dayn midber-groys
Un hern di doyres-alte kemltrit,
Vos vign oyf zeyere hoykers ibern zamd
Toyre un skhoyre un dos alte vanderlid,
Vos tsitert iber di zamdn heys tseglit,
Shtarbt op, dermont zikh un vil keyn mol
nisht fargeyn...

כ'וועל שטיין פֿאַרטראַכט פֿאַר דײַן מדבר־גרויס
און הערן די דורות־אַלטע קעמלטריט,
וואָס וויגן אויף זייערע הויקערס איבערן זאַמד
תּורה און סחורה און דאָס אַלטע וואַנדערליד,
וואָס ציטערט איבער די זאַמדן הייס צעגליט,
שטאַרבט אָפּ, דערמאָנט זיך און וויל קיין מאָל
נישט פֿאַרגיין...

כ׳וועל נישט קושן דײַן זאַמד!
נײן און צען מאָל נײן!
וואָס הייסט קושן דײַן זאַמד?
איך בין דײַן זאַמד!
און ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אַליין?

Kh'vel nisht kushn dayn zamd!
neyn un tsen mol neyn!
Vos heyst kushn dayn zamd?
Ikh bin dayn zamd!
Un ver kusht es, ikh bet aykh, zikh aleyn?

הָיִיתִי שָׁנִים נָע־וָנָד בַּנֵּכָר,
לָנוּד בְּבֵיתִי יָצָאתִי עַכְשָׁו;
נְעָלַי לְרַגְלַי, כֻּתָּנְתִּי לְעוֹרִי,
וּבְיָדִי הַמַּקֵּל, אֵיךְ אוּכַל בִּלְעָדָיו?

לֹא אֶשַּׁק עֲפָרֵךְ כַּמְשׁוֹרֵר הַדָּגוּל,
אִם גַּם בְּלִבִּי רֹן וּבְכִי עַד־בְּלִי־דַי;
אֵיךְ אֶשַּׁק עֲפָרֵךְ? הֵן אֲנִי עֲפָרֵךְ,
וּמִי זֶה נוֹשֵׁק אֶת עַצְמוֹ, רַבּוֹתַי?

מוּל כְּחוֹל הַכִּנֶּרֶת אֶעֱמֹד מְלֵא־פְּלִיאָה
וּבִגְדֵי הַדַּלּוּת לִבְשָׂרִי הַמַּרְעִיד;
נָסִיךְ שֶׁנִּתְעָה וּמָצָא אֶת כְּחוֹלוֹ,
וְכָחֹל חֲלוֹמוֹ מֵאָז וְתָמִיד.

לֹא אֶשַּׁק אֶת כְּחוֹלֵךְ, רַק דּוֹמָם, כָּכָה סְתָם,
כִּתְפִלַּת שְׁמוֹנֶה־עֶשְׂרֵה אֶעֱמֹד לִי תַּחְתַּי;
אֵיךְ אֶשַּׁק אֶת כְּחוֹלֵךְ? הֵן אֲנִי הוּא כְּחוֹלֵךְ,
וּמִי זֶה נוֹשֵׁק אֶת עַצְמוֹ, רַבּוֹתַי?

אֶעֱמֹד וּמוּלִי מִדְבָּרֵךְ הַנּוֹרָא,
וְאַקְשִׁיב לִפְסִיעוֹת הַגְּמַלִּים מִנִּי־אָז;
עַל דַּבֶּשֶׁת יָנִיעוּ תּוֹרָה וּסְחוֹרָה
וְאֶת שִׁיר־הַנְּדוּדִים הַיָּשָׁן שֶׁלֹּא גָּז.

וְרוֹטֵט עַל חוֹלוֹת הַשְּׁרוּבִים לַהַט עַז,
גּוֹוֵעַ, נֵעוֹר, וְלָנֶצַח כָּם חַי;
לֹא אֶשַּׁק אֶת חוֹלֵךְ, קוֹנָם הוּא עָלַי!
אֵיךְ אֶשַּׁק אֶת חוֹלֵךְ? הֵן אֲנִי הוּא חוֹלֵךְ,
וּמִי זֶה נוֹשֵׁק אֶת עַצְמוֹ, רַבּוֹתַי?

עברית: בִּנְיָמִין טֶנֶא

For years I've wandered among strangers,
Now I shall wander among my own;
With my one pair of shoes, the shirt on my back,
And the stick in my hand -- how can I be without it?

I will not kiss your soil, as did that great poet,
Though my heart too, is brimming with song and tears;
How can I kiss your soil? I AM your soil –
And who, I pray you, kisses himself?

I'll stand gaping by the blue sea of Tiberias,
Dressed in my ragged garments –
The wandering prince, who has found his blue –
For blue was ever his dream.

I will not kiss your blue, but merely stand,
Silently, like the penitent at his devotions;
How can I kiss your blue ? I AM your blue –
And who, I pray you, kisses himself?

I will stand lost in thought, before your great desert,
And hear the centuries-old tread of those camels
Who rocked on their humps, as they crossed the sand,
Both books and goods; I'll hear that ancient song
Of the wanderer, that floats across the burning sands –
It dies down, but rises ever again, never to be forgotten.

I will not kiss your sand; no, ten times no:
How can I kiss your sand ? I AM your sand –
And who, I pray you, kisses himself?

*English: Marie B. Jaffe*